ס״ה 1963 נומ' 3



יאנקעוו לוואָווסקי

# דער ניסטער אין זײַנע יוגנט-יאָרן

דעם ברייטן לייענער איז דער ניסטער באקאנט מיט זײַן גרויסער עפּאָפּיי „די מישפּאָכע מאשבער“, מיט וווּנדערבארע מײַסעלעך פאר קינדער, מיט טיפזיניקע געשיכטעס פאר גרויסע. דאָס אלץ האָט ער געשאפן אין זײַן רײַפן פּעריאָד. לײדער אָבער איז געבליבן איטצט א קליין הײַפעלע מענטשן, וואָס ווייסן און געדענקען דעם ניסטער פון זײַן פריִער יוגנט: פון די יאָרן 1902—1906, ווען ער האָט אויך ארײַנגעטראָגן אין דעם „שטורעם און דראנג“ פון אָנהייב יאָרהונדערט זײַן כיילעק בונטאריש־רעוואָליוציאָנערן אימפּעט; פון די יאָרן 1906—1907, ווען עס זײַנען דערשינען זײַנע ערשטע ווערק, אין וועלכע ער האָט גלײַך אָנגעהויבן שטעלן גאָט און דער וועלט שווערע, ביטערע קאשעס: „צוליב וואָס, פאר וואָס און נאָך וואָס“, — מיט איין וואָרט: פון יענער צײַט, ווען דער ניסטער האָט מיט מאָנענדיקע „פאר וואָס־אויגן“ געזוכט דאָס, „וואָס מענטשן האָבן קיינמאָל ניט געהאט און געטער האָבן קיינמאָל ניט פארלאָרן“.

איז אָט, פון די דאָזיקע קימאט פארגעסענע צײַטן ווילט זיך מיר, איינעם פון די ווייניק פארבליבענע פון יענעם דאָר און דעם ניסטערס א בען־איר, אופשטעלן אין זיקאָרן אייניקע מאָמענטן.

---

דער ניסטער — דער פארבאָרגענער. פונוואנען, אייגנטלעך, שטאמט אָט דער סוידעסדיקער פּסעוודאָנים, וואָס האָט אזוי טיף זיך אײַנגעקריצט אין אונדזער ליטעראטור?

אָפּטמאָל, ווען איך דערמאָן זיך, וויאזוי פּינכעס קאהאנאָוויטש, אָדער, ווי מיר האָבן אים דאן פּאָשעט גערופן, פיניע, האָט זיך אויסבאהאלטן פון זײַן פרומען טאטן, געשטודירט אפן בוידעם פילאָסאָפיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, קולטור־געשיכטע, — דוכט זיך מיר אויס, אז מיסטאמע נאָך דעמלט האָט ער זיך אזוי א נאָמען געגעבן. און עפּשער נאָך פריִער, ווען ער האָט געשעמט פאר א ווילנער און איז געווען פארטאָן ניט נאָר אין טאלמוד און אין פּאָסקים, — אויך אין קאבאָלע, און האָט מאמעש זיך ניט געקאָנט צעשיידן מיטן זויהער.

פיניע איז געוואקסן אין א כסידישער מישפּאָכע און דערצויגן געוואָרן אין טראדיציאָנעלן גײַסט. זײַן פּאָטער רעב מענדל קאהאנאָוויטש איז געווען א סויכער אין בערדיטשעוו. ער פלעגט וועגן זיך זאָגן אזוי: „א גאנצע וואָך בין איך א וואָכעדיקער, איך האנדל מיט פיש, פאָר נאָך זיי קיין אסטראכאן, אָבער אז עס קומט שאבעס אָדער יאָמטעוו, בין איך גאָר אן אנדערער. איך בין דעמלט גאָר ווײַט פון דער ערד, און מיט מײַנע ניגונים, מיט מײַן געזאנג דערגיי איך ביזן ריבוינעשעלוילעם“. האָט טאקע דער ניסטער אין די שפּעטערדיקע יאָרן אמאָל א זאָג געטאָן: „מעסיקעס פון זינגען האָב איך בעיערושע פון מײַן טאטן“.

און נאָך האָט אנומלטן דער ניסטער דערציילט וועגן זײַן טאטן:

„געווען איז דאָס אין דער צײַט פון בירגערקריג. אין בערדיטשעוו האָבן געווילדעוועט די פּעטליוראָווצעס. אין שטאָט — א כאשכעס, אן איימע. מע האָט געראבעוועט און געהארגעט ייִדן. אָפּט האָבן זיך געהערט שרעקלעכע קוילעס פון גאס, פון די נאָענטע הײַזער. אין דעם דאָזיקן גרויזאמען מאָמענט האָב איך, קומענדיק אהיים, געטראָפן מײַן טאטן זיצן בא א גרויסער געמאָרע און לערנען. איך אליין האָב אין דער דאָזיקער אומגליקלעכער, פינצטערער שאָ קיין אָרט זיך ניט געפונען, איך האָב אומגעשפּאנט פון איין ווינקל צום צווייטן, ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן, און יעדעס מאָל זיך אומגעקוקט אויף מײַן פּאָטער. פּלוצלינג קערעוועט ער זיך אויס צו מיר און זאָגט: — איך הייב ניט אָן צו פארשטיין, וואָס ווילן דאָ די כאכאָמים זאָגן?! — קיין אנדער זאך איז ניט אָנגעגאנגען מײַן טאטן אפילע אין אזא בייזער, טראגישער שאָ“.

רעב מענדל איז געווען א יעדייע־סייפער און געוואָלט, אז אויך זײַנע קינדער זאָלן זײַן לאמדאָנים. פיניע האָט מיט האסמאָדע געלערנט, פריִער אין כיידער, נאָכדעם אין קלויז. מיט א סאך יאָרן שפּעטער האָט דער ניסטער א זאָג געטאָן: „צו מיר האָט מען געדארפט צו 12 יאָר נעמען א שטעקן און מיך ארויסטרײַבן פון שטוב. א סאך צײַט פארבראכט אומזיניק. דער בעסמעדרעש האָט פון מיר די קליי ארויסגעצויגן“.

די צײַט איז אָבער געווען אזא, אז אפילע אין דער פּאטריִארכאלער מישפּאָכע פון רעב מענדל קאהאנאָוויטש האָבן א בלאָז געטאָן פרישע ווינטן. א גרויסע האשפּאָע אף פיניען האָט געהאט זײַן עלטערער ברודער ארן. דאָס איז געווען א טאלאנטפולער מענטש. אפילע דעמלט, ווען פיניע האָט שוין אָפּגעדרוקט זײַנע ערשטע ווערק, פלעגט ער זאָגן אפן ברודער: „ניט איך, נאָר ער, ארן, איז א שרײַבער“. ארן האָט ווירקלעך געשריבן. נאָך מער אָבער האָט ער געלייענט. און איך מיין, אז די ערשטע וועלטלעכע ביכער האָט פיניע געקראָגן בא ארענען.

פיניעס מאמע — לייע קאהאנאָוויטש — איז געווען א מענטש מיט אן איידעלן און ווייכן כאראקטער, נאָר די שטוב האָט זי געפירט מיט א פעסטער האנט. די קינדער האָבן זי שטארק ליב געהאט. לייע האָט געוווּסט, וואָס זי וויל פון זיי. ווען פיניע האָט אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט וויסנשאפט, ליטעראטור, האָט זי אים אונטערגעהאלטן. זי האָט אויסבאהאלטן פונעם פּאָטער, אז פיניע לערנט רוסיש, אז ער לייענט אפּיקאָרסישע ביכער, באגעגנט זיך מיט פרײַדענקער אאוו.

מקור

פיניע האָט באַגלײַך מיט דער אַלטער ייִדישער קולטור, מיטלאַלטערלעכער פילאָסאָפיע און פּאָעזיע אײַנגעזאַפּט אין זיך אויך דאָס שענסטע און בעסטע פון דער ייִדישער, רוסישער און אַלוועלטלעכער ליטעראַטור.

פיניע פלעגט לייענען זייער אַ סאַך. זײַן קיינמאָל ניט געזעטיקטער דורשט נאָך וויסן, לאָהעטקײַט נאָך קענטעניש האָט זיך אַרויסגעוויזן בײַ אים שוין אין די יונגע יאָרן. די סאַמע באַליבטע שרײַבער זײַנען בײַ אים אַפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן: אין דער ייִדישער ליטעראַטור — י.־ל. פּערעץ, אין דער רוסישער — טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, אין דער פראַנצויזישער — באַלזאַק. שטאַרק ליב געהאַט האָט דער ניסתּר שאָלעם־עליכעמען, ער האָט געהאַלטן, אַז אין הילכעס מאַנאַלאָג האָט שאָלעם־עליכעם צו זיך קיין גלײַכן ניט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אין דער פּאָעזיע איז דער ניסתּר פון דער פריִער יוגנט אָן אַמערסטן געווען פאַרכאַפּט פון היינען און געטען. עס איז שווער אויסצורעכענען די נעמען פון די שרײַבער, מיט וועלכע ער איז שוין דעמלט געווען גרינטלעך באַקענט. איך וויל דאָ נאָר אָנרופן נאָך צוויי נעמען — האָפמאַן און אַנדערסען. שפּעטער האָבן זיי פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין זײַן שאַפונגס־וועלט.

נעענטער צונויפגעגאַנגען זיך מיט דעם ניסתּר בין איך אָן ערעך אין 1903 יאָר, אים אין דעמלט געווען סאַכאַקל אַ יאָר נײַנצן. שמועסנדיק מיט אים, פלעג איך זײַן איבעראַשט: ווען און וויִאַזוי האָט ער, אָט דאָס יונגע באָכערל, באַוויזן אַזויפיל איבערלייענען און דערלערנען, ווערן אַזוי ערודירט?

---

אָפט באַגעגנט זיך מיט פיניען האָב איך בײַ די בראָווארניקעס. דאָס איז געווען, ווי מע זאָגט, אַן אָפענע שטוב, אַ מין היימישער קלוב פאַר דער ייִדישער סאָציִאַליסטיש־געשטימטער אינטעליגענץ. לייב בראָווארניק, דער באַלעבאָס, איז געווען אַ העברעיִשער לערער אין בערדיטשעוו, פלעגט געבן פריוואַטע „אוראָקן“. ער און זײַן פרוי פריידע, — „די מאַמע“, ווי מיר האָבן זי גערופן, — האָבן גערן אויפגענומען אונדז, די ליבהאָבער פון ליטעראַטור און פון אַ הייסן פּאָליטישן שטרײַט. אָפטע געסט זײַנען דאָ געווען אויך פּאַרגעשריטענע באַוווסטזיניקע אַרבעטער, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער רעוואָליוציִאָנערער באַוועגונג. דאָ איז טאָמיד געווען ראַשיק, טומלדיק. עס זײַנען ניט שטיל געוואָרן די דעבאַטן אַרום פראַגן פון ליטעראַטור, עס האָבן אָן אויפהער געפלאַקערט דיסקוסיעס איבער פאַרשיידנערליי טעאָריעס, פּאַרטייפּראָגראַמען און פּאַרטיי־פּלאַטפאָרמעס, וועגן די ברענענדיקסטע פּאָליטישע געשעענישן.

פיניע קאַהאַנאָוויטש איז דאָ געווען אַ שטענדיקער אַרײַנגייער. עס האָט זיך פאַרהיט אין מײַן זיקאָרן פיניעס אויסערלעך אויסזען אין יענער צײַט. אַ יונג באָכערל פון אַ יאָר צוואַנציק. מיטעלער וווּקס, אַ פּאָר טיפע, קוילשוואַרצע, זעלטן קלוגע און פײַערשפּריצנדיקע אויגן, דער קאָפּ באַדעקט מיט געדיכטע פּעך־שוואַרצע האָר. קורץ, אַ פיגור, וואָס פאַרבײַגיין און זי ניט באַמערקן איז געווען אוממעגלעך. אין זײַן האַלטונג האָט שוין דעמלט זיך געפילט ערנסטע פאַרטיפטקײַט אין זיך.

באַשיידנקײַט איז שטענדיק געווען אַן אָרגאַנישע אייגנשאַפט פון פיניעס נאַטור. בײַ די בראָוואַרניקעס פלעגט מען אים ס׳ראָוו טרעפן ערגעץ אין אַ ווינקל, ווײַט פון דער געדיכטעניש און טומלערײַען. און דאָך וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז געווען דאָ איינער פון די אַקטיווסטע אין די שמועסן. איך געדענק נאָך ביז הײַנט זײַנע אַרויסזאָגונגען וועגן פראַגן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אויך זײַנעם אַ שמועס אַף אַ פילאָסאָפישער טעמע — וועגן טעזיס, אַנטיטעזיס און סינטעז.

דעם ניסתּרס סאָציִאַליסטיש „געזאָנגען זײַן“, ווי מע פלעגט זיך אַמאָל אויסדריקן, זײַן סאָציִאַליסטיש דענקען און פילן שוין פון די יוגנט־יאָרן אָן, די רײַכע אידייען־וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט אין יענע צײַטן, — האָט אָן שום ספק געהאַט אַ וויכטיקע באַדײַטונג אַף דער אויספורעמונג פון זײַן רײַפער וועלט־אָנשויונג און שאַפונגס־גײַסט.



דער ניסתּר אין דער יוגנט.

---

מיר געדענקט זיך ניט, אַז פיניע זאָל האָבן ווען געלייענט פאַר וועמען פון אונדז זײַנע ניט געדרוקטע זאַכן. דערפאַר אָבער געדענק איך גוט, ווי איבעראַשט מיר זײַנען געווען פון זײַן ערשטן געדרוקטן ווערק. דאָס איז געווען ניט קיין גרויס ביכל: „געדאַנקען און מאָטיוון“, אַרויסגעגעבן אין 1907 אין ווילנע אונטערן פּסעוודאָנים „דער ניסתּר“.

אַלץ איז דעמלט פאַר אונדז געווען נײַ און איבעראַשנד אין דעם ניסתּר. זײַן אַרט שרײַבן, דער אינהאַלט פון זײַנע ווערק, די פילאָסאָפישע הירהורים און געדאַנקען. זײַנע אויסגעטראַכטע און אויסגעכאָלעמטע וועלטן, זײַן קלאָגן זיך אַפן גורל פונעם מענטשן, זײַן לעכצן נאָך אַ יוישערדיקער וועלט, נאָך גערעכטיקײַט אַף אונדזער זינדיקער ערד.

קעדיי עס זאָל זיך באַקומען אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דעם ניסתּרס זיגזאַגאַרטיק־געשלענגלטן און אָפט ווידערשפּרעכיקן שאַפונגס־וועג, וואָס האָט אים געפירט פון פאַנטאַסטישער מיסטיק ביז רעאַליזם, וועל איך דאָ ברענגען אייניקע אויסצוגן פונעם דערמאָנטן ביכל „גע־

דאנקען און מאָטיוון". דער ניסטער טײַנעט צו גאָט און קלאָגט זיך:

„ליבער, הארציקער פאָטער, ענטפער מיר: צי פילסטו דעם צאר פון די שווארצע אווײלעס, פון פינצטערע, וויסטע נעכט, וואָס זיצן שיווע נאָך די פארגאנגענע טעג? צי פילסטו זייערע כעוויי־ליידע בעשאס זיי נײַע טעג אף דער וועלט ברענגען? צי פילסטו דעם צאר פון דער אקאָרע, דעם עלנט פון דעם פוסטן בוים אין דער מידבער, צי פילסטו דעם צאר פון די גרויסע וועלטס קינדער, פון דעם נאָווי און מעשוירער, וואָס טראָגן גאָט אין זייער הארצן און זײַן וואָרט אף זייערע ליפּן, און זייער גאנץ לעבנס־שאפן איז אף אָט דעם וואָרט א פּיירעש און זיי טײַטשן, און זיי טײַטשן און גאָטס וואָרט בלײַבט אלץ ניט אויסגעטײַטשט. און אין די לעצטע מינוטן זייערע פון די גויסעסדיקע אויגן קוקט ארויס מיט צאר און ווייטעק, אוי, דאָס ניט־ארויסגעזאָגטע, און די לעצטע ווערטער זייערע זײַנען „און עס וועט קומען א צײַט"... צי פילסטו, וואָס הייסט „און אז יאנקעוו אָווינו האָט געדארפט שטארבן, האָט ער צונויפגערופן זײַנע קינדער און האָט זיי דעם קעץ געוואָלט מעגאלע זײַן, האָט זיך די שכינע פון אים אָפּגעטאָן..." דו הערסט? האָט זיך די שכינע פון אים אָפּגעטאָן..."

אָט וואָס פאר א טײַנעס דער ניסטער האָט געהאט צו גאָט דערפאר, וואָס ער האָט אזוי באאוולט און געקריוודעט וועלט און מענטש, פארלאָזנדיק און איבערלאָזנדיק די מענטשן אף דער ערד מיט אזויפיל רעטענישן, מיט די אייביק־טרויעריקע ניגונים: „פרעגט די וועלט אן אלטע קאשע" און מיטן שטענדיקן־סקארבאָוון ענטפער: „טייקו!" — „בלײַבט א קאשע!"

אין דעם ניסטערס טײַנעס, אין זײַנע ביטערע ספייקעס, אינעם בונטעווען זיך האָבן מיר, זײַנע כאוויירים און שעצער, געפילט דאן א בונט, א פראָטעסט ניט נאָר קעגן גאָט, נאָר אויך קעגן דער צארישער זעלבסטהערשונג, וואָס האָט אזוי ברוטאל און אכזאָריעסדיק דערשטיקט די ערשטע רוסישע רעוואָליוציע מיט אירע ליכטיקע פרײַהײַטס־אידעאלן.

מיר האָבן מאמעש געזען בעכוש, ווי דעם ניסטערס גאנצער בונטאריש־רעוואָליוציאָנערער אופברויז ערעוו און בייס דער רעוואָליוציע פון 1905 האָט שפּעטער, אין 1907, זיך איבערגעשמאָלצן אין קונסט פון גרויסן הומאניטאָרישן שניט, אין קונסט פון א נײַעם אופרײַסערישן אינהאלט.

דעם ניסטערס אָפּטימיסטישער רעמעז „און עס וועט קומען א צײַט..." האָט אונדז אין יענע יאָרן א סאך געזאָגט.

„געביר, פארליר און גלייב..." — אזוי ריידן צו מענטשן די כוואליעס אין דעם ניסטערס ערשטער ליד „באם טײַך"[1]. דאָס דאָזיקע אפּאָריסטישע געבאָט שטרײַכט אויך אונטער דעם געדאנק, אז דער יונגער ניסטער, וועלכער האָט זיך דעמלט ארומגעטראָגן מיט גאָטזוכערישע זעונגען און איז איבערפולט געווען מיט זאָרגן וועגן דעם טאכלעס און זין פון דער וועלט, פון מענטשלעכן לעבן, איז איינצײַטיק פול געווען מיט האָפענונג און גלויבן, וואָס ער האָט געשעפּט סײַ פון אונדזערע אייגענע נאַציאָנאלע פאָלקס־קוועלן, סײַ פון דער ארומיקער פראָגרעסיווער סוויווע.

מיר, יונגוואַרג פון יענער צײַט, האָבן זיך געקוויקט מיט דעם ניסטערס יעדער נײַער שורע, מיט זײַן יעדער נײַער ליד. מיר האָבן זיך געוווּנדערט, פונוואנען איז ער אויסגעוואקסן, פּיניע, פונוואנען נעמען זיך צו אים אזעלכע דערהויבענע פּאָעטישע מיסטעריע־זעונגען. מיר האָבן געגרייסט זיך דערמיט, וואָס אונדזער פּיניע האָט שוין דעמלט, נאָך אזוי יונג, געלאָזט זיך אזוי דרייסט און האָפערדיק אין זײַן וועג פון זוכענישן. „און געגאנגען בין איך פון מײַרעוו קיין מיזרעך... דער ווידערקאָל פון מײַנע טריט איז דאָס פארדומפּטע קאָל פון אמאָליקע דוירעס, פון אוראלטע טקופעס. שווערע צײַטן, יאָרן אלטע, גרײַז־גראָווע יויוולס האָבן געוואָלט איבעריאָגן די פריש־געבוירענע יאָרן, טעג, מינוטן, רעגעס, וואָס זײַנען מיך איבערגעלאָפן און מיר צו די פיס געפאלן... און געגאנגען בין איך פון מײַרעוו קיין מיזרעך... און כ׳האָב געזוכט".

דאָס דאָזיקע זוכן, דאָס לעכצן נאָך א טיקון פאר וועלט און מענטש איז אין טאָך דער איקער־שעבעיִקער פון דעם ניסטערס לעבן און שאפונג. דאָס איז אויך צו זען אין דעם ניסטערס שפּעטערדיקע ווערק, שוין רעאליסטישע. זײַן ראָמאן „די מישפּאָכע מאשבער" ענדיקט זיך דאָך דערמיט, וואָס זײַן הויפּט־העלד — לוזי לאָזט זיך אף א מין טאָלסטאָיִשן אויפן אף „וועגן און וואָגלען", קעדיי צו געפינען ערגעץ־ווו די אזוי געגארטע נעשאָמע־רו און גײַסטיקע שליימעס פאר זיך און די ארומיקע. „א מענטש דארף זיך זען אלע מאָל איבערבויען און באנײַען", זאָגט לוזי.

---

פארכאַפּט האָבן אונדז דאן די סקולפּטוריש־געשניצטע בילדערישקײַט, די ווונדערלעכע שפּראך און באזונדערס די טיפע, מוזיקאלישע לירישקײַט פון דעם ניסטערס דיכטונג.

אדהאיעם ליגט מיר נאָך אין טאם דאָס פארגעניגן, וואָס מיר האָבן דעמלט געפילט פון דעם ניסטערס פּאָעמע „פוילישׁ"[1].

די פּאָעמע שילדערט, ריכטיקער, באזינגט א ייִדישע כאסענע, ווו דער אלטער גרײַז־גראָווער זיידע גייט א פויליש־טאנץ מיט דער קאלע — זײַן אייניקל.

„דער זיידע — אַן אלטיטשקער ייִד", וואָס זעט אויס אינגאנצן, ווי „אַן ארויסגעוואקסענע שטיק קעדושע"..., „איז צו דער קאלע צוגעגאנגען, שטיל און אָן ווערטער איר אן עק פון זײַן רויטער פאטשיילע דערלאנגט. די קאלע — א צארטע ליליע, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אין א פארטאָג צום ערשטן מאָל געעפנט"..., „די קאלע שעמט זיך זיס, קווענקלט זיך מיידלש־צניִעסדיק און נעמט אָן פארן עק פאטשיילע. אָט איז זי ארײַן מיטן זיידן אין כאָלעל פון דער ברייט־געמאכטער ראָד..."

דער איידל־שיינער זיידע—קאלע־טאנץ האָט, זעט אויס, ארויסגערופן דעמלט בא דעם ניסטער אסאָציִאציעס מיטן ווײַטן, גאָר ווײַטן אָוועך פון די שירהאשירים־צײַטן, און ער גיט דעריבער אין דעם דאָזיקן ווערק א פרעכטיקע איבערדיכטונג פון אייניקע שטעלן פון „שיר־השירים".

אין 1910 האָבן מיר געלייענט דעם ניסטערס „פרילינג"[2]:

---

[1] „פויליש" — געדרוקט אין די „ליטעראַרישע מאָנאטסשריפטן", פּעווראל, 1908, ווילנע.

[2] „פרילינג" — „ייִדישער אלמאנאך", קונסט־פארלאג, 1910, קיעוו.

[1] געדרוקט אין וועכנטלעכן זשורנאל „פאָלקס־שטימע", נומ. 14, 3 אווגוסט, 1907, ווילנע.

איך וויל ניט זײַן אליין,
איך וויל ניט זײַן באזונדער,
כ׳וויל מיט דיר אינײנעם זײַן,
גרויסער, גרויסער וווּנדער.
טער:

לאָז מיך אף א וואסערל אין טײַך
אי טאָג אי נאכט אָן אופהער רינען.
איך וויל דער וועלט דײַן גוטס דערציילן
און מיט דײַן פרילינג זיך פארכלינען.

איז נאָך א „פרילינג" דעם ניסטערס[1]:

שאָלעם ליבער, ליבער דרויסן!
פריד פון וועלט דיר פון דער נײַער,
פון ארום איר און פון ווײַטן
און פון נאָענט... פון אונדז אלע.
. . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . .

און פון הויזגעזינד אין הארצן,
און פון אלע צארטע, ליבע.

ל ליבשאפט האָט געדארפט פארמאָגן דעם ניס־
„הויזגעזינד אין הארצן", קעדיי אין יענער צײַט
ו באגריסן, אזא שאָלעם אָפּגעבן דעם דרויסן און
רילינג. די נאטור איז בא דעם ניסטער זייער אק־
טעטיק. אף א מענטשלעכן אויפן קלערט זי און
ערט זיך, רעדט און טײַנעט. דער ניסטער האָט אויך
ן ליב מיט איר זיך דורכשמועסן, אויסהערן, וואָס
ציילט אים, אין דער זעלבער צײַט אויסריידן פאר
אָס הארץ, קלאָגן זיך און בעטן בא איר ראכמים
גאנצן „וועלט־געזינדל". דערפאר טאקע זײַנען אלע
נאטור־געמעלן אזעלכע הארציקע, פול מיט ווייך־
ע שטימונגען.

דעם דערמאָנטן שוין פעווראל־נומער „ליטעראַרישע
סשריפטן", 1908, איז פאראן דעם ניסטערס א ליד
ראָזע, וואָס רופט זיך „דער ערשטער שניי". זי
זיך אָן אזוי:

זון קווענקלט זיך עפּעס דעם גאנצן פארנאכט,
ט זיך מיט גראָע ערנסטע שניי־ און ווינטער־
ס..."

טער דערציילט דער ניסטער, ווי די זון האָט אין
אָסיענדיקן ביין־האשמאָשעס, אין אזא פארנאכט
עקוקט און געזען: „פלעצער און טאָלן — עלנט,
— פארכווישעכטע, וועלדער — אָפּגעריסן־אָפּגע־
,ביימער — נאקעטע און די ערד — א באָרוועסע...
יער די זון, נאָך איר די גאנצע וועלט אריבער צו
אכט..."

איז נאכט און פינצטער געוואָרן.

ל און ערד האָבן זיך איינס דאָס אנדערע פארלאָרן
אויג, בערג — געדענקען ניט, ווי זיי זעען אויס
, און זייער אייגענע הייך, גרייס און ברייט, —
יך איצט אין דער פינצטער איינס דאָס אנדערע.
— זעען די בערגס הייך ניט און טוליען זיך צו
י צו גלײַכע. ביימער פונעם וואלד האָבן זיך מיט
ערניש צונויפגעלייגט, אוועקגעשטעלט פאר דעם

---

עדרוקט אינעם זעלבן יאָר 1910 אין וואַרשעווער
לעכן קונסט־זשורנאל „דער שטראל", נומ. 225.

וואלד א פינצטער־וואנט. און וואָס אין וואלד טוט זיך, איז ניט צו הערן, ניט צו זען. „הע!" — האָט די ערד יִיעשדיק מיט דער האנט א מאך געטאָן. האָט זיך אָרעם, ערדיש פארטראכט און איז אײַנגעשלאָפן, ווי נעכטן און ווי אייערנעכטן, אָסיענדיק, אין אָרעמקײַט. און עס ליגט דאָס אָרעמע וועלט־געזינדל אפן הוילן דרויסן — נאס, קאלט און פינצטער. און עס קאָרטשעט, ניורעט זיך יעדער אין זיך, טוליעט זיך צו זיך און פרירט און ציטערט, ציטערט און פרירט.

ס׳איז נאכט. פינצטער און שטיל".

אויסגעדיכטעט איז עס געוואָרן, ווי געזאָגט, אין 1908 יאָר, אין די שווארצע רעאקציע־יאָרן. איז שוין בעמיילע פארשטענדלעך, וויפל אָט די נאטור־געמעלן האָבן אונדז געהאט געניוג אָנצודערציילן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן דעמלט בא פּיניע דעם ניסטער אף דער נעשאָמע. און ווײַל דאָס אלץ האָט אזוי געשטימט מיט אונדזער אייגע־נעם דעמלטיקן געמיט־צושטאנד, איז שוין אויך קלאָר ווי די דאָזיקע ליד אין פּראָזע איז אונדז דאן געווען הארציק־נאָענט און טײַער.

---

עס איז דאָ דאָס אָרט צו דערמאָנען אזא וויכטיקן מאָמענט: ניט נאָר מיר, די יוגנט, האָבן דאן שטארק געהאלטן און אָנגעקוואָלן פון דעם ניסטער. דער גרויסער יִיצכאָק־לייבוש פּערעץ האָט אין 1910 געזאָגט א. ווײַ־טערן, אז ער לייגט גרויסע האָפענונגען אף אָט דעם יונגן באָכער, אף דעם ניסטער, הייסט דאָס. און בא פּיניען אליין האָט פּערעץ זיך אלץ נאָכגעפרעגט, פאר־וואָס ער וווינט גאָר אין זשיטאָמיר. (אין 1905 יאָר איז דער ניסטער אריבערגעפאָרן פון בערדיטשעוו קיין זשי־טאָמיר.)

— ווי רופט מען דאָס מאָקעם, ווו איר געפינט זיך? זשיטאָמיר? וואָס עפּעס זשיטאָמיר? ווער זשיטאָמיר? ווּהין האָט איר זיך פארקליבן? וואָס ליגט איר דאָרט? קיִעוו דארף אײַך זײַן קליין! פּעטערבורג, ווארשע, בער־לין — אָט וואָס איר דארפט!..

אומקערנדיק זיך צוריק צו דעם ניסטערס יוגנט־ווערק, דארף מען צוגעבן, אז ער אליין האָט זיי געהאלטן, זעט אויס, פאר זײַנע קינדער־שיכלעך. ווּעהאָרײַע, ער האָט דערנאָך, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, מיט קיינעם קיינ־מאָל ניט גערעדט וועגן זיי און קיין איין ווערק פון יענעם אמאָל בא זיך ניט פארהיט.

עס איז אָבער אויך קלאָר, אז טאקע אין די דאָזיקע ערשטע ווערק איז פארכאסמעט דער שליסל צו דעם ניסטערס שאפונגס־וועלט.

די דאָזיקע ווערק לאָזן אונדז וויסן, פון וואָסערע אוילעמעס עס איז געקומען צו אונדז דער ניסטער. זיי ווארפן א שײַן אף דער עוואָליוציע, וואָס ער האָט דורכ־געמאכט — פון זײַן דיכטונג, פון דער אומגעהייער רײַ־כער מײַסע־וועלט ביז זײַנע פארצייכענונגען „דרײַ הויפּטשטעט", „מיטן צווייטן עשעלאָן", און ביז צו זײַן קרוין־ווערק „די מישפּאָכע מאשבער".

זעלבסטפארשטענדלעך, אז דעם ניסטערס יוגנט־ווערק פארדינען א גענויע קריטישע אָפּהאנדלונג. איך בין אויסן געווען אין די דאָזיקע קורצע נאָטיצן צו פארהיטן נאָר מײַנע יוגנט־אײַנדרוקן פון דעם ניסטערס שאפן אין יענע צײַטן.